**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט אנהויב ארבעט אויף 19 מיליאן דאלארדיגע אפֿארדעבעל און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין מעדיסאן קאונטי**

***Community View Apartments וועט ברענגען 61 אפֿארדעבעל היימער פאר עלטערע מענטשן צו ווילעדזש אָוו מאריסוויל, אריינרעכענענדיג 20 מיט שטיצנדע סערוויסעס***

***אינוועסטירונג ערגענצט "CNY Rising" – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צוריק צו אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף Community View Apartments אין די מעדיסאן קאונטי ווילעדזש אָוו מאריסוויל. דער 19 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט וועט אויפבויען 61 אפארטמענטס פאר ניו יארקער פון 55 און עלטער, אריינרעכענענדיג 20 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר אזעלכע וועלכע זענען אריבער היימלאזיגקייט.

"Community View Apartments ווייזט ארויס ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט זיך צו אפגעבן מיט אונזערע מערסט-עמפינדליכע איינוואוינער און זיי צו צושטעלן זיכערע האוזינג געלעגנהייטן פון א הויכע קוואליטעט וואס זיי דארפן און וואס קומט זיך זיי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן אינוועסטירן אין געזונטע, אפֿארדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט פאר עלטערע מענטשן ווי די דעוועלאפמענט, באקעמפן מיר די האוזינג קריזיס מיטן פולן קראפט און מיר העלפן פארזיכערן אז ניו יארקער אין יעדע ראיאן פון די סטעיט האבן א פלאץ צו רופן היים."

Community View Apartments איז טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די דעוועלאפמענט'ס דריי-שטאקיגע געביידע וועט אריינרעכענען 61 איין-שלאף צימערדיגע אפארטמענטס וועלכע וועלן זיין גענוג ביליג פאר משפחות וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income).

20 אפארטמענטס זענען רעזערווירט פאר מענטשן וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט און זענען אין נויט פון שטיצנדע סערוויסעס צו קענען לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט. סערוויסעס און רענט סאָבסידיס ווערן אויסגעצאלט דורך די 'עמפייער סטעיט שטיצנדיגע האוזינג אינציאטיוו' ( Empire State Supportive Housing Initiative) און אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט.

די שטיצנדע סערוויס פּראָווײַדער איז די Crouse Community Center וואס געפונט זיך אויף א דערנעבנדע שטח נעבן די נייע דעוועלאפּמענט. Crouse Community Center וועט צושטעלן סערוויס קאארדינאציע, היים געהילפן, פערזענליכע קעיר באגלייטער, טרעינירטע נוירסינג, נערונג סערוויסעס, ווייטאג-פארגרינגערנדע ('פעליעיטיוו') קעיר, וואוילזיין אקטיוויטעטן, אָטפּעישענט טעראפּיע סערוויסעס און טראנספּארטאציע צו מעדיצינישע אפּוינטמענטס, גראסערי געשעפטן, פארמאסיס, ריטעיל געשעפטן, בענק און אונטערהאלטונג ערטער.

די געביידע איז דעזיינט מיט אייגנשאפטן וועלכע ארבעטן לויט א מאדעל וואו מענטשן קענען זיך פארעלטערן אין זייערע קאמיוניטיס. דאס רעכנט אריין א צענטראלע עלעוועיטאר, אייזענעס זיך אנצוכאפּן אויף ביידע זייטן פון די קארידאר, שווערס וואס ערמעגליכן זיך ארומצורוקן אין א ווילטשעיר און בארס זיך צו אנכאפּן אין אלע יוניטס, קאבינעטס וואס קענען גרינגערהייט צוגעפּאסט/אוועקגענומען ווערן, ברייטע קארידארן און אריינגענג, איבערפלאכן וואס היטן פון זיך אויסגליטשן, לעוועד הענטלעך, פארבעסערטע באלייכטונג, אריינגאנג אן טריט, פארב מיט קאלירן וואס קוקן אויס טיפער צוזאמגעמישט, און עמערדזשענסי קאל סיסטעם און אויטאמאטישע טיר עפענערס אין מיסט צימערן.

אין צוגאב איז די געביידע אויסגעשטאט צו נאכקומען די פאדערונגען פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) 'נייע קאנסטרוקציע - האוזינג פראגראם'. צו נאכקומען די פאדערונגען וועט די געביידע זיין פולשטענדיג עלעקטריש און אויסערגעווענטליך ענערגיע שפּארזאם. אין צוגאב וועט דער פראיעקט סערטיפייט ווערן דורך סיי די ENERGY STAR o'EPA פאר נייע אפּארטמענט געביידע קאנסטרוקציע און סיי דורך דעם Indoor airPLUS פראגראם. די סטאנדארטן פארזיכערן אז די געביידע איז דויערהאפטיג און שטאנדהאפטיג און אזוי אויך אז געזונטע לופט פון א הויכע קוואליטעט ווערט אריינגעברענגט אינעווייניג פאר די געביידע'ס איינוואוינער. אלע אפּלייענסעס וועלן זיין ENERGY STAR.

איינריכטונגען פאר די איינוואוינער וועלן אריינרעכענען א קאמיוניטי צימער, דזשים מיט עקוויפּמענט, מאשינען צו וואשן וועש, א קאמפּיוטער צימער, אומזיסטע ווייפיי אין די גאנצע געביידע, א פלאץ צו האלטן ביציקלעך און א דרויסנדיגע פּעטיאָ.

די דעוועלאפּער איז .Christopher Community, Inc.

סטעיט פינאנצירונג פאר די Community View Apartments רעכנט אריין 12 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס און 3.8 מיליאן דאלאר אין סאָבּסידי פון די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל. די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance) שטעלט צו 2.8 מיליאן דאלאר דורך דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם (Homeless Housing and Assistance Program).
NYSERDA איז ערווארטעט צו צושטעלן $244,000 אין שטיצע.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די נייע 19 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפּמענט וועט צושטעלן 61 אפּארטמענטס פאר עלטערע ערוואקסענע צו לעבן אומאפּהענגיג אויף א וועג ווי זיי קענען זיך ערלויבן אין די קאמיוניטי וואס זיי פאררופן א היים. די געביידע'ס דורכגעטראכטע דעזיין וועט צושטעלן א זיכערע, געזונטע און באקוועמע סביבה מיט צוטריט צו א רייע סערוויסעס און מיטלען אויפן ארט און ביי די דערנעבנדע Crouse Community Center. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, אדרעסירן מיר די דרינגנדע נויט פאר מער האוזינג פאר עלטערע מענטשן מיט נידעריגערע איינקונפט אין מעדיסאן קאונטי און אריבער די סטעיט. מיינע בעסטע וואונטשן פאר Christopher Community פארן אנהויבן די ארבעט אויף דעם פראיעקט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף צייטווייליגע קאמישאנער, בארבארע סי. גווין, האט געזאגט,** "עלטערע ניו יארקער דארפן זיך קענען פארעלטערן בכבוד און בליהען אין זייער קאמיוניטי אן די מורא פון האוזינג אומסטאביליטעט אויפן קאפ. דעוועלאפמענטס ווי די Community View Apartments שטעלן צו די אפאָרדעבעל היימער און שטיצנדע סערוויסעס אויף וואס עלטערע ערוואקסענע קענען זיך פארלאזן כדי צו קענען וואוינען אויף אן אומאפהעניגן פארנעם. איך לויב אויס גאווערנער האקול'ס אנגייענדע קאנצענטראציע אויף צו אויסברייטערן אונזער סטעיט'ס שטיצנדע הייזער וואס ווערן געאפפערט כדי אלע ניו יארקער זאלן קענען צוקומען צו זיכערע, אפאָרדעבעל היימער."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "NYSERDA איז פרייליך צו זעהן קאנסטרוקציע זיך אנהויבנדיג אויף די Community View Apartments וועלכע וועלן צושטעלן געזונטע, אפאָרדעבעל און פולשטענדיג-עלעקטרישע הייזער פאר עמפינדליכע עלטערע מענטשן אין מעדיסאן קאונטי. פראיעקטן פון די סארט פון Community View Apartments העלפן זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער בענעפיטירן פון ריינע-ענערגיע אינוועסטירונגען בשעת'ן שטיצן גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו ערגרייכן 2 מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימער."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "די אומשטענדן אונטער וועלכע מענטשן וואוינען, וואקסן, ארבעטן און פארעלטערן זיך – באקאנט אלץ די געזעלשאפטליכע זאכן וואס באשטימען די געזונטהייט – האבן א באדייטנדע ווירקונג אויף די געזונטהייט תוצאות. גאווערנער האקול פארשטייט די וויכטיגקייט פון פארזיכערן צוטריט צו סטאבילע האוזינג און שטיצנדע סערוויסעס וועלכע וועלן ערלויבן מער ניו יארקער צו לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט און זיך פארעלטערן בכבוד. איך באדאנק די Crouse Community Center פאר זייער מיטפילנדע ארבעט און שותפות אויף די וויכטיגע דעוועלאפמענט."

**דזשאסטין ראָדגיק, פרעזידענט און CEO פון Christopher Community, Inc., האט געזאגט,** "Community View Apartments וועט זיך קאנצענטרירן אויף צו נאכקומען די פארשידנארטיגע באדערפענישן פון אונזערע איינוואוינער, אריינרעכענענדיג עלטערע מענטשן וועלכע זענען אין סכנה פון היימלאזיגקייט און וועלכע האבן נישט קיין סטאבילע הויז אין די מאריסוויל קאמיוניטי. מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן צוזאמען מיט די Crouse Community Center, מיט סטעיט אגענטורן און מיט לאקאלע סערוויס פראָווײדערס אויף דעם נייעם קאנסטרוקציע פראיעקט, און צו אויפבויען א לעבהאפטיגע קאמיוניטי וואו מענטשן פון 55 און עלטער קענען בליהען און צוקומען צו קריטישע מיטלען פאר א פולע לעבן."

**סטעיט סענאטאר דזשאָוסעף גריפאָו האט געזאגט,** "עס איז וויכטיג אז אלע חלקים פון די סטעיט'ס באפעלקערונג זאלן האבן צוטריט צו זיכערע און אפאָרדעבעל האוזינג. דער פראיעקט וועט אפפערן נאך א האוזינג אפציע און שטיצנדע סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן אין מאריסוויל און אין מעדיסאן קאונטי."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאָו ענדזשעלינאָו האט געזאגט,** "איך בין פרייליך צו זאגן אז די אפארטמענטס וועלן צושטעלן אפאָרדעבעל, פאסיגע הייזער פאר אונזערע עלטערע מענטשן וועלכע דארפן דאס. איך בין אויך פרייליך צו זעהן אז די אפארטמענטס וועלן שטיצן א מאדעל וואו מענטשן פארעלטערן זיך אין זייער קאמיוניטי וואס ערלויבט פאר מער צוגענגליכקייט פאר עלטערע מענטשן. איך קוק ארויס צו זעהן דעם פראיעקט פארענדיגט, און איך ווייס אז עס וועט זיין פאזיטיוו פאר די קאמיוניטי."

**טאון אָוו איטאן סופערווייזאר דזשאָו וויקס האט געזאגט,** "מיר זענען אזוי באגייסטערט צו קענען האבן די באקוועמליכקייטן אין אונזער קאמיוניטי. עס וואלט שוין פון לאנג געדארפט געבערענגט ווערן, און עס

וועט נאכקומען די באדערפענישן פון אזויפיל פון אונזערע שכנים. האוזינג זעצט פאר צו זיין א וויכטיגע נושא, און מיר זענען פרייליך צו זעהן פירער זיך פאראויס רוקנדיג מיט אזעלכע פראיעקטן וואס שטעלן צו לאנג-טערמיניגע לייזונגען פאר נויטבאדערפטיגע מענטשן."

**מעדיסאן קאונטי באורד טשעירמאן, דזשאן מ. בעקער, האט געזאגט,** "דער היינטיגער טאג צייכנט אפ א באדייטנדע טריט פאראויס מיט אונזער פארפליכטונג צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר אונזערע מעדיסאן קאונטי איינוואוינער, באזונדערס פאר אונזערע עלטערע מענטשן. די אנהויב פון די ארבעט אויף די Community View Apartments איז א גרויסע טריט אויף פאראויס צו צושטעלן באקוועמע און פארזיכערטע האוזינג פאר אונזער פארעלטערנדע באפעלקערונג. די צענטראלע קאמיוניטי וועט אויך צושטעלן שטיצנדע סערוויסעס וועלכע וועלן ערלויבן אונזערע עלטערע מענטשן צו היטן אויף זייער זעלבסטשטענדיגקייט. אזוי ווי מיר פייערן דעם עררייכונג, קוקן מיר ארויס צו די צייט וואס די 61 אפארטמענטס וועלן זיין פארטיג, און מיר ענטפאנגען אונזערע עלטערע מענטשן אריין אין די קומענדיגע קאפיטל פון זייערע לעבנס."

**ווילעדזש אָוו מאריסוויל מעיאר טאמאס לעין האט געזאגט,** "די ווילעדזש אָוו מאריסוויל באגרוסט די צוגאב פון נייע וואוינונגען פאר עלטערע מענטשן אין די Community View Apartments. מיר זענען דאנקבאר פאר די באמיאונגען פון Christopher Community בשותפות מיט די Crouse Community Center צו ברענגען די אפָארדעבעל האוזינג יוניטס פאר עלטערע מענטשן צו זיין צו באקומען אין אונזער קאמיוניטי מיט די שטיצע סערוויס פון Crouse Community Center. א דאנק פאר די NYS האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל, NYS אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף, NYS ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט און עמפּייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו פאר די נויטיגע פינאנצירונג דורך די NYS אפיס פון גייסטישע געזונטהייט."

**די. דזשעי. ראוקס, פרעזידענט און CEO פון די Crouse Community Center, האט געזאגט,** "ברענגען די סארט אפארטמענט פאר עלטערע מענטשן מיט שטיצנדע וואוינונג פאר צענטראל און דרום מעדיסאן קאונטי איז באמת נויטיג. עס ערלויבט אונזערע ארטיגע עלטערע מענטשן צו פארזעצן צו וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט דארט וואו זיי האבן געוואוינט פאר רוב פון זייערע לעבנס און די פלאץ וואס זיי פאררופן א היים."

**פארשנעלערן "CNY Rising"**

די היינטיגע אנאנס באגלייט "CNY Rising" (צענטראל ניו יארק - וואקסנדיג), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. דער ראיאניש-פלאנירטער אויסלייג וועט זיך קאנצענטרירן אויף קאפיטאליזירן אויף אינטערנאציאנאלע האנדל געלעגנהייטן, פארשטערקערן ענטרעפּעניורשאפט און שאפן אן אינקלוסיווע עקאנאמיע. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט דא.

###